# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע״י כ״ק מרן מוהרא״ש זי״ע

**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................8:06
מוצאי שבת קודש.............9:36

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.............................שופטים ו׳
בבלי..........................חולין ע"ט
ירושלמי.........בבא מציעא ל"ג
תוספתא.......................סוטה י׳
רמב"ם...................נוסח ההגדה

פרשת דברים, שבת חזון, ד׳ אב, אבות פרק ב׳, שנת תשפ"ו לפ"ק
שנה 15, גליון 41 (760)


## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

**אֵלֶּה הַדְּבָרִים אֲשֶׁר דִּבֶּר מֹשֶׁה אֶל כָּל יִשְׂרָאֵל בְּעֵבֶר הַיַּרְדֵּן בַּמִּדְבָּר בָּעֲרָבָה מוֹל סוּף.** זָאגְט רַשִׁ״י, משֶׁה רַבֵּינוּ הָאט אוֹיסְגֶערֶעכֶנְט אַלֶע פְּלֶעצֶער וואו דִי אִידְן הָאבְּן גֶעזִינְדִיגְט קֶעגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט אָבֶער עֶס נָאר דֶערְמַאנְט בְּרֶמֶז, וֶועגְן דִי כָּבוֹד פוּן דִי אִידְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳ סִימָן א׳) אַז מֶען קֶען נִישְׁט דַן זַיין קַיין שׁוּם אִיד, וִוי דִי מִשְׁנָה זָאגְט (אָבוֹת ב, ד) **אַל תָּדִין אֶת חֲבֵרְךָ עַד שֶׁתַּגִּיעַ לִמְקוֹמוֹ**, מֶען קֶען נִישְׁט דַן זַיין קֵיינֶעם וִוי לַאנְג מֶען אִיז נִישְׁט אוֹיף יֶענֶעמְ׳ס פְּלַאץ. אוּן וֶוער קֶען דֶען זַיין אוֹיף אַ צְוֵוייטְנְ׳ס פְּלַאץ? נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, וָואס יֶעדֶער הָאט אַ פְּלַאץ בַּיי אִים, אוּן עֶר אִיז זִיכֶער מְקַיֵים דֶעם הֱוֵי דָן אֶת כָּל אָדָם לְכַף זְכוּת (אָבוֹת א, ו).

מֶען קֶען קֵיינְמָאל נִישְׁט וויסְן צִי דִי פְּלַאץ אוּן דִי סִיבּוֹת אַרוּם דֶעם מֶענְטְשׁ הָאבְּן אִים גֶעמַאכְט טוּן שְׁלֶעכְטְס, אוּן דֶערְפַאר קֶען מֶען קֵיינֶעם נִישְׁט דַן זַיין, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין, וָואס עֶר וֵוייסְט אַלֶע סִיבּוֹת אַרוּם יֶעדֶע זַאךְ.

דָאס אִיז פְּשַט אִין פָּסוּק, וֶוען משֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעוָואלְט אוֹיסְרֶעכֶענֶען דִי עֲבֵירוֹת פוּן דִי אִידְן הָאט עֶר דֶערְמַאנְט נָאר דִי פְּלֶעצֶער, צוּ וַוייזְן אַז דִי פְּלֶעצֶער הָאבְּן גֶעמַאכְט דִי אִידְן זָאלְן זִינְדִיגְן, אָבֶער בֶּאֱמֶת זֶענֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער וואוּיל אוּן ווילְן נִישְׁט טוּן קַיין שְׁלֶעכְטְס.

(זֹאת הַתּוֹרָה דְּבָרִים ג)

**אַתָּה עֹבֵר הַיּוֹם אֶת גְּבוּל מוֹאָב אֶת עָר.** דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳ סִימָן רע״ב) אוֹיפְ׳ן פָּסוּק (תְּהִלִּים צה, ז) **הַיּוֹם אִם בְּקֹלוֹ תִשְׁמָעוּ**, אַ גֶעוַואלְדִיגֶע עֵצָה פַאר אַ מֶענְטְשׁ עֶר זָאל מַצְלִיחַ סֵיי בְּרוּחֲנִיוּת אוּן סֵיי בְּגַשְׁמִיוּת, אַז מֶען זָאל נָאר קוּקְן אוֹיפְן הַיינְטִיגְן טָאג. ׳וָואס קֶען אִיךְ הַיינְט טוּן, צוּ מַאכְן פַּרְנָסָה, אָדֶער אַרַיינְצוּכַאפְּן מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים׳, וַוייל אוֹיבּ טְרַאכְט מֶען וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען פְרִיעֶר, וֶוערְט מֶען צוּבְּרָאכְן ׳אִיךְ בִּין דָאךְ גֶעוֶוען בִּיז יֶעצְט אֵיין שְׁטִיק דוּרְכְפַאל, אוּן אַזוֹי וִוי אִיךְ הָאבּ נִישְׁט מַצְלִיחַ גֶעוֶוען בִּיז יֶעצְט, וֶועל אִיךְ וַוייטֶער אוֹיךְ נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין׳. אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז וֶוען מֶען טְרַאכְט אוֹיף וַוייטֶער, ׳וֶוער וֵוייסְט אוֹיבּ אִיךְ וֶועל קֶענֶען אָנְהַאלְטְן וַוייטֶער אוּן מַצְלִיחַ זַיין?׳, וֶוען מֶען טְרַאכְט אָבֶער נָאר אוֹיף דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג, אוֹיף דִי יֶעצְטִיגֶע מִינוּט, דַאן אִיז מֶען זֵייעֶר מַצְלִיחַ.

דָאס אִיז פְּשַט אִין פָּסוּק, אַתָּה עֹבֵר "הַיּוֹם" אֶת גְּבוּל מוֹאָב אֶת עָר, אוֹיבּ מֶען וויל אַרִיבֶּער שְׁפְּרִינְגֶען דִי גְבוּל פוּן מוֹאָב וָואס דָאס זֶענֶען דִי אַלֶע קְלִיפּוֹת אוּן שְׁלֶעכְטְס וָואס ווילְן אַוֶועק נֶעמֶען דֶעם מֶענְטְשׁ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז דִי עֵצָה "הַיּוֹם - הַיינְט" צוּ טְרַאכְטְן נָאר פוּנֶעם הַיינְטִיגְן טָאג. אוֹיבּ וֶועט מֶען טְרַאכְטְן נָאר פוּנֶעם הַיינְטִיגְן טָאג דַאן וֶועט מֶען זֵייעֶר מַצְלִיחַ זַיין.

(זֹאת הַתּוֹרָה דְּבָרִים ז)

## מוֹהַרָא״שׁ דֶערְצֵיילְט

### אֵיכָה יָשְׁבָה בָדָד

וֶוען מִיר קְלָאגְן אוֹיפְן חוּרְבָּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, מִיר זָאגְן "תִּיקוּן חֲצוֹת", אוּן מִיר זָאגְן תִּשְׁעָה בְּאָב: "אֵיכָה יָשְׁבָה בָדָד", מִיט דִי קִינוֹת – אִיז דָאס אוֹיפְן הַיינְטִיגְן חוּרְבָּן; מִיר וֵויינֶען אוֹיף דִי גָלוּת הַשְּׁכִינָה, וִוי וַוייט מִיר זֶענֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיר וֵויינֶען אוֹיף אוּנְזֶער חוּרְבָּן, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב, סִימָן קא): "אֵין אוֹמְרִים חֲצוֹת עַל הֶעָבָר", מֶען וֵויינְט נִישְׁט אוֹיף וָואס אִיז גֶעוֶוען מִיט יָארְן צוּרִיק, נָאר "עַל מַה שֶּׁנַּעֲשָׂה עַכְשָׁו עִם הָאָדָם", אוֹיף וָואס עֶס טוּט זִיךְ יֶעצְט מִיטְן מֶענְטְשׁ; מֶען דַארְף זִיךְ טְרֶעפְן אִין דִי פְּסוּקִים אוּן זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן אוּן אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים בֶּעטְן עֶר זָאל אוּנְז מְקַרֵב זַיין צוּ אִים, מִיר זָאלְן לֶעבְן מִיט אֱמוּנָה, לֶעבְן מִיטְן בַּאשֶׁעפֶער, נִישְׁט מַסִּיחַ דַעַת זַיין פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט מְעַכֵּב זַיין

<<<<<<

## א גוט ווארט

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, דֶערְהַאלְט זִיךְ אוּן שְׁטַארְק זִיךְ, אוּן לָאז זִיךְ נִישְׁט צֶעבְּרֶעכְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ; דָאס אִיז דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ מֶענְטְשׁ אוֹיף דִי וֶועלְט, אַז אֲפִילוּ עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים צָרוֹת וְיִסּוּרִים, "כָּל מִשְׁבָּרֶיךָ וְגַלֶּיךָ עָלַיו עָבָרוּ" - דֶערְהַאלְט עֶר זִיךְ אוּן עֶר גֵייט וַוייטֶער אָן אִין לֶעבְן.

לִיבֶּער בְּרוּדֶער, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט מִיר זָאלְן זוּכְן אִין דִי צָרָה – הַרְוָחָה, וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט רַחֲמָנוּת אוּן עֶר מַאכְט מִיט אוּנְז גוּטְס, אוּן אַז דַיין לֶעבְּן אִיז בִּיטֶער אַזוֹי וִוי אַ לֶעמָאן - זָאלְסְטוּ מַאכְן לֶעמָאנַאדֶע, פוּנֶעם בִּיטֶערְן לֶעמָאן - קֶען מֶען אוֹיךְ גוּט מַאכְן, מֶען קֶען מַאכְן אַ גֶעשְׁמַאקֶע טְרוּנְק, לֶעמָאנֶעיד; בַּאצוּקֶער דַיין לֶעבְן, בַּאזִיס דִי בִּיטֶערְקֵייט.

וִויסְן זָאלְסְטוּ, פוּן עַצְבוּת אוּן מְרִירוּת בַּאקוּמְט מֶען גָארְנִישְׁט, אוּן מֶען פוּעֶלְ׳ט גָארְנִישְׁט דוּרְךְ זַיין דֶערְבִּיטֶערְט, נָאר דוּרְךְ שִׂמְחָה פוּעֶלְ׳ט מֶען אוּן מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ יְשׁוּעוֹת.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה דְּבָרִים תשפ״ו)

אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# אַ שִׁידוּךְ פוּן הִימְל

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם א' פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי, כ"ו אָדָר א', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, תַּלְמִיד יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, אַ שִׁידוּךְ הָאט נָאר מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן אוּנְז (בְּרֵאשִׁית רַבָּה סח, ג): **"מָצִינוּ בַּתּוֹרָה בַּנְּבִיאִים וּבַכְּתוּבִים שֶׁאֵין זִוּוּגוֹ שֶׁל אִישׁ אֶלָּא מִן הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא"**, מִיר גֶעפוּנֶען אִין דִי תּוֹרָה אוּן נְבִיאִים אוּן אִין כְּתוּבִים אַז אַ שִׁידוּךְ הָאט נָאר מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן; זָאלְסְטוּ זִיךְ פַארְלָאזְן אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר וֶועט דִיר בְּרֶענְגֶען דַיין שִׁידוּךְ בְּקָרוֹב, זָאלְסְט נִישְׁט זַיין פַארְ'דַאֲגָה'ט אוּן טְרַאכְטְן שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת אַז דוּ וֶועסְט בְּלַייבְּן אַ בָּחוּר וְכוּ', וַוייל נָאךְ פַאר דוּ בִּיסְט גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שׁוֹין אָנְגֶעגְרֵייט דַיין שִׁידוּךְ, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סוֹטָה ב.): **"אַרְבָּעִים יוֹם קוֹדֶם יְצִירַת הַוָּלָד בַּת קוֹל יוֹצֵאת וְאוֹמֶרֶת בַּת פְּלוֹנִי לִפְלוֹנִי"**, פֶערְצִיג טֶעג פַאר יְצִירַת הַוָּלָד רוּפְט מֶען אוֹיס אוֹיבְן אִין הִימְל: "בַּת פְּלוֹנִי לִפְלוֹנִי", מִמֵּילָא דַארְפְסְטוּ זִיךְ גָארְנִישְׁט זָארְגְן.

דוּ זָאלְסְט וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, קוּם אִין יְשִׁיבָה יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי, טוּ אָן תְּפִילִין אוּן דַאוְון שַׁחֲרִית מִיט שִׂמְחָה, נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן – מִקְרָא, מִשְׁנָה אוּן גְמָרָא, אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג תְּהִילִים.

אִיךְ בֶּעט דִיר, זַיי נִישְׁט צֶעבְּרָאכְן; גְלֵייבּ אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר וֶועט דִיר הֶעלְפְן, נָאךְ אַבִּיסְל וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ אוּן חֲתוּנָה הָאבְּן.

דָאס וָואס דוּ קֶענְסְט נִישְׁט אַיינְשְׁלָאפְן בַּיינַאכְט פוּן זָארְג, טְרַאכְטְנְדִיג: 'וָואס וֶועט זַיין?' אַזוֹי וִוי דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר אִינֶעם בְּרִיוו אַז גַאנְצֶעטֶע נֶעכְט וַואלְגֶערְסְטוּ זִיךְ אִין בֶּעט אוּן דוּ קֶענְסְט נִישְׁט אַיינְשְׁלָאפְן טְרַאכְטְנְדִיג: 'וֶוען וֶועל אִיךְ טְרֶעפְן מַיין שִׁידוּךְ?' אַנְשְׁטָאט טְרַאכְטְן דִי אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת זָאלְסְטוּ דָאס אוֹיסְזָאגְן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן; שְׁמוּעֶס מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין בֶּעט. דֶעק זִיךְ אִיבֶּער דַיין קָאפּ מִיטְ'ן דֶעק אוּן וֵויין צוּ אִים אוּנְטֶערְן דֶעק, בֶּעט אִים: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, גֶעבּ מִיר שׁוֹין מַיין שִׁידוּךְ"**; שְׁמוּעֶס מִיט אִים אוֹיף דַיין שְׁפְּרַאךְ - 'אִידִישׁ', פַארְצֵייל אִים אַלֶע דַיינֶע זָארְגְן: 'וָואס וֶועט זַיין?' 'וֶוען וֶועט עֶס זַיין?' 'מִיט וֶועם וֶועט עֶס זַיין?'

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן סח): **"עִיקַּר הִתְבּוֹדְדוּת שֶׁל דָּוִד הַמֶּלֶךְ הָיָה עַל מִטָּתוֹ"**, דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוען עֶר אִיז גֶעלֶעגְן אִין בֶּעט, **"בְּעֵת שֶׁשָּׁכַב עַל מִטָּתוֹ וְכִסָּה עַצְמוֹ בְּסָדִין, אָז הָיָה מְדַבֵּר וּמֵשִׂיחַ כָּל לִבּוֹ לִפְנֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ"**, וֶוען עֶר אִיז גֶעלֶעגְן אִין בֶּעט פְלֶעגְט עֶר זִיךְ צוּדֶעקְן מִיט זַיין דֶעק אוּן דָארְט הָאט עֶר גֶערֶעדְט אוּן זִיךְ אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים ו, ז): **"אַשְׂחֶה בְכָל לַיְלָה מִטָּתִי"**, אִיךְ שְׁמוּעֶס יֶעדֶע נַאכְט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף מַיין בֶּעט, **"בְּדִמְעָתִי עַרְשִׂי אַמְסֶה"**, מִיט מַיינֶע טְרֶערְן מַאךְ אִיךְ נַאס מַיין בֶּעט, אוּן דֶער רֶבִּי פִירְט אוֹיס: **"אַשְׁרֵי מִי שֶׁיַּרְגִּיל עַצְמוֹ לְקַיֵּם הַנְהָגָה זוֹ הָעוֹלָה עַל הַכֹּל"**, וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ דָאס טוּן.

אִיךְ בֶּעט דִיר מַיין טַייעֶרֶער תַּלְמִיד ... נֵרוֹ יָאִיר, דְרַאפֶּע זִיךְ אוּן דֶערְהַאלְט זִיךְ. אִיךְ הָאף אִם יִרְצֶה ה' צוּ פָארְן בְּקָרוֹב קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, קַיין יַבְנְאֵל צוּ מוֹהֲרָא"שְׁ'ס צִיּוּן. אִיךְ ווִיל דוּ זָאלְסְט מִיט קוּמֶען מִיט מִיר, דָארְט אִיז אַ פְּלַאץ וואוּ מֶען קֶען פוֹעֵלְ'ן שִׁידוּכִים, אַזוֹי וִוי מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מַבְטִיחַ גֶעוֶוען מִיט אַ שְׁטַארְקֶע הַבְטָחָה (צַוָּאַת מוֹהֲרָא"שׁ, אוֹת ה): **"אִיךְ זָאג צוּ אַז יֶעדֶער בָּחוּר אָדֶער מֵיידְל וָואס דַארְף אַ שִׁידוּךְ אוּן זֵיי וֶועלְן קוּמֶען דָא אוֹיף מַיין קֶבֶר אוּן דוּרְכְזָאגְן גַאנְץ סֵפֶר תְּהִלִּים פוּן אָנְפַאנְג בִּיזְן סוֹף פַאר מַיין זְכוּת, וֶועל אִיךְ טוּן אַלֶעס וָואס אִיךְ קֶען, אַז זֵיי זָאלְן טְרֶעפְן זֵייעֶר שִׁידוּךְ. אוּן דָאס זָאג אִיךְ צוּ מִיט אַ שְׁטַארְקֶע צוּזָאג"**.

מֶען זֶעט אָפֶענֶע נִיסִים אוּן יְשׁוּעוֹת יֶעדְן טָאג בַּיים צִיּוּן פוּן מוֹהֲרָא"שׁ; בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ קוּמֶען צוּ פָארְן אַהִין פוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אוֹיסְזָאגְן תְּהִילִים צוּ טְרֶעפְן זֵייעֶר שִׁידוּךְ. דֶערִיבֶּער ווִיל אִיךְ דוּ זָאלְסְט מִיט קוּמֶען מִיט מִיר קַיין יַבְנְאֵל אוּן דָארְט אוֹיסְזָאגְן תְּהִילִים לִזְכוּת רַבֵּינוּ אֱלִיעֶזֶר שְׁלֹמֹה בֶּן מְנַחֵם זְאֵב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וֶועסְטוּ בְּקָרוֹב טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פְּקוּדֵי תשע"ט)

## סֵפֶר הַמִּדּוֹת תְּשׁוּבָה

מז. מִי שֶׁאוֹהֵב אֶת הַצַּדִּיקִים, יָכוֹל לְהַחֲזִיר אֶת בְּנֵי אָדָם בִּתְשׁוּבָה. וֶוער עֶס הָאט לִיבּ דִי צַדִּיקִים, קֶען מַאכְן אַז מֶענְטְשְׁן זָאלְן תְּשׁוּבָה טוּן.

<<<<<< מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

דִי גְאוּלָה, אוּן נִישְׁט הָאבְּן מִיט מַחֲלֹקֶת וָואס הַאלְט צוּרִיק דִי גְאוּלָה, אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (יוֹמָא ט:), דִי צְוֵוייטֶע בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אִיז חָרוּב גֶעוָוארְן צוּלִיבּ מַחֲלֹקֶת אוּן שִׂנְאַת חִנָּם, "וַעֲדַיִן מְרַקֵּד בֵּינָן", אוּן נָאכְאַלְץ אִיז דָא דִי עֲבֵירָה פוּן זִיךְ קְרִיגְן, אוּן פוּן זִיךְ פַיינְט הָאבְּן, אוּן דָאס אִיז מְעַכֵּב דִי גְאוּלָה.

עַל כֵּן יֶעצְט וֶוען מִיר זֶענֶען אִין דִי דְרֵיי וָואכְן, אִין דִי 'בֵּין הַמְּצָרִים' טֶעג, זָאלְסְטוּ זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט קוּקְן גוּט אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, אוּן מִיט אוֹיפְזוּכְן דִי גוּטֶע זַאכְן בַּיי אַנְדֶערֶע, אוּן זֵיי דַן זַיין לְכַף זְכוּת, אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (שְׁבוּעוֹת ל.) אוֹיפְן פָּסוּק (וַיִּקְרָא יט, טו): "'בְּצֶדֶק תִּשְׁפֹּט עֲמִיתֶךָ', הֱוֵי דָּן אֶת חֲבֵירְךָ לְכַף זְכוּת", זַיי דַן יֶעדְן אֵיינֶעם לְכַף זְכוּת, קוּק גוּט אוֹיף יֶעדְן, אוּן אַזוֹי וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּנְז דַן זַיין לְכַף זְכוּת, וַוייל (שַׁבָּת קכז:): "הַדָּן חֲבֵירוֹ לְכַף זְכוּת דָּנִין אוֹתוֹ לִזְכוּת", דֶער וָואס קוּקְט גוּט אוֹיף אַנְדֶערֶע קוּקְט מֶען פוּן הִימְל אוֹיף אִים גוּט, מֶען אִיז אִים אוֹיךְ דַן לְכַף זְכוּת, אוּן אֲפִילוּ מֶען זֶעט אַ מֶענְטְשׁ מִיט חֶסְרוֹנוֹת – דַארְף מֶען גְלֵייבְּן אִין דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (בְּרָכוֹת נז.): "אֲפִילוּ רֵיקָנִין שֶׁבָּךְ מְלֵאִים מִצְוֹת כְּרִמּוֹן", אֲפִילוּ דִי לֵיידִיגֶע מֶענְטְשְׁן זֶענֶען אוֹיךְ פוּל מִיט מִצְוֹת, אַזוֹיפִיל וִוי דִי קֶערְלֶעךְ פוּן אַ מִילְגְרוֹים; מֶען דַארְף אוֹיפְזוּכְן דִי גוּטֶע קֶערְלֶעךְ, דִי גוּטֶע נְקוּדוֹת.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט מִיט אַבִּיסְל יִשּׁוּב הַדַּעַת וֶועט עֶר קֵיינְמָאל נִישְׁט הָאבְּן מִיט מַחֲלֹקֶת, מִיט מְתַקֵּן זַיין אַנְדֶערֶע וְכוּ', וַוייל דֶער וָואס לֶעבְּט מִיט יִשּׁוּב הַדַּעַת, עֶר וֵוייסְט אַז 'אֵיין טָאג וֶועל אִיךְ דַארְפְן אַלֶעס אִיבֶּערְלָאזְן, אֵיין טָאג וֶועט קוּמֶען דֶער מַלְאָךְ... אוּן אִיךְ וֶועל אַלֶעס דַארְפְן אִיבֶּערְלָאזְן, אִיךְ וֶועל אַוֶועק גֵיין פוּן דִי וֶועלְט, מַיין נְשָׁמָה וֶועט אַרוֹיפְגֵיין וְכוּ'; אַזַא מֶענְטְשׁ וֶועט זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן מִיט אַנְדֶערֶע, אוּן אֲפִילוּ מֶען וֶועט אִים אָנְהֶעצְן וְכוּ', אַז עֶס אִיז אַ מִצְוָה צוּ קְרִיגְן וְכוּ' – וֶועט עֶר אַנְטְלוֹיפְן פוּן דִי סָארְט מִצְוֹת.

יֶעדֶער אִיז אִיבֶּערְצֵייגְט אַז בַּיי זֵיי אִיז דִי אֱמֶת, אָבֶּער דָאס אִיז זִיכֶער: "אֱ-מֶת", אֵיין טָאג: "אֶהְיֶ' מֵת", וֶועל אִיךְ זַיין אַ נִפְטָר, עֶס וֶועט גָארְנִישְׁט נִיצְן, נִישְׁט קַיין גֶעלְט, נִישְׁט קַיין כָּבוֹד, נִישְׁט קַיין מֶעכְטִיגְקֵייט וְכוּ', אוּן דֶעמָאלְט וֶועל אִיךְ זֶען דֶעם רֵיינֶעם אֱמֶת, אַז (יִרְמְיָהוּ י, י): "וַה' אֱלֹקִים אֱמֶת", נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אֱמֶת, אוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה; אִיז וָואס דַארְף מֶען

<<<<<<

<<<<< מוהַרָא"ש דֶערְצֵיילְט

זִיךְ פַּיינְט הָאבְּן אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן? פַארְוָואס זָאלְן צְוֵויי בְּרִידֶער נִישְׁט רֶעדְן צוּלִיבּ דֶעם וָואס דֶער בְּרוּדֶער אִיז בַּיי אַ צְוֵוייטֶע חֲסִידוּת אָדֶער גֶעהֶערְט אִין אַ צְוֵוייטֶע קְהִילָה וְכוּ'? פַארְוָואס זָאלְן צְוֵויי שְׁכֵנִים וָואס בֵּיידֶע זֶענֶען עֶרְלִיכֶע אִידְן נִישְׁט רֶעדְן אֵיינֶער מִיטְן צְוֵוייטְן צוּלִיבּ דֶעם וָואס דֶער אַנְדֶערֶער שָׁכֵן גֵייט צוּ אַן אַנְדֶערֶער רֶבִּי, אָדֶער צוּ אַן אַנְדֶערֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה וְכוּ'? דָאס אִיז דֶער בִּיטֶערֶער גָלוּת, אוּן נָאר צוּלִיבּ דֶעם לַיידְט מֶען צָרוֹת, (מֶען רֶעדְט נִישְׁט פוּן מִינִים וְאֶפִּיקוֹרְסִים וָואס עַל פִּי תּוֹרָה דַארְף מֶען זִיךְ אָפְּטֵיילְן, מֶען רֶעדְט פוּן אִידְן מַאֲמִינִים בַּה' וּבְתוֹרָתוֹ), אוּן וֶוער וֵוייסְט וִויפִיל פַּרְנָסָה אִידְן פַארְלִירְן צוּלִיבּ מַחֲלֹקֶת, וַוייל אֵיין קְלֵיינֶע מַחֲלֹקֶת אִיז דוֹחָה מֵאָה פַּרְנָסוֹת - נֶעמְט אַוֶועק הוּנְדֶערְט פַּרְנָסוֹת פוּן אַחֵינוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת יוֹרֶה דֵעָה א, הִלְכוֹת רִבִּית הֲלָכָה ה).

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, יֶעצְט אִין דִי דְרֵיי וָואכְן, אִין דִי טֶעג פוּן 'בֵּין הַמְּצָרִים' זָאלְסְטוּ זִיךְ מִיט קֵיינֶעם נִישְׁט קְרִיגְן, אוּן זֶע אַז אִין שְׁטוּבּ זָאל זַיין שָׁלוֹם, זַיי אַ וַתְּרָן אִין שְׁטוּבּ, אוּן גֶעבּ שְׁטֶענְדִיג גוּטֶע וֶוערְטֶער, אוּן אַז דַיין וַוייבּ בֶּעט גֶעלְט פַאר שְׁטוּבּ זַאכְן, אוּן פַאר אִירֶע זַאכְן – זָאלְסְטוּ אִיר גֶעבְּן, זַיי נִישְׁט קַארְג, טוּ אַלֶעס פַאר שָׁלוֹם; וַוייל דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם זוּכְט וואוּ עֶר קֶען מַאכְן אַ קְרִיג צְוִוישְׁן מַאן אוּן וַוייבּ, אַזוֹי טוּט עֶר זַיי בֵּיידֶע אַרָאפְּוַוארְפְן אִין עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן.

עַל כֵּן נֶעם אָן דִי עֵצָה פוּן דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים וָואס זָאגְן אַז מֶען זָאל זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט טַעְנָה'ן מִיט דִי וַוייבּ, אוּן זִיכֶער נִישְׁט שְׁטֶעכְן מִיט וֶוערְטֶער. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בָּבָא מְצִיעָא נט.), מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ טְשֶׁעפֶּען דִי וַוייבּ, "שֶׁמִּתּוֹךְ שֶׁדִּמְעָתָהּ מְצוּיָה אוֹנָאָתָהּ קְרוֹבָה", דִי נַאטוּר בַּיי פְרוֹיעֶן אִיז אַ וֵוייכֶע נַאטוּר, זֵיי וֵויינֶען אוּן וֶוערְן שְׁנֶעלֶער גֶעטְשֶׁעפֶּעט, אוּן אַז עֶס אִיז דִיר שְׁוֶוער, דוּ שְׁפִּירְסְט וִוי דוּ קֶענְסְט נִישְׁט וְכוּ', זָאלְסְטוּ אַנְטְלוֹיפְן צוּ דִי תּוֹרָה, אַז דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען תּוֹרָה אוּן זִיךְ אוֹיסְוֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן – וֶועט זִיךְ אַלֶעס אִיבֶּערְדְרֵייעֶן לְטוֹבָה, וַוייל אַלֶעס אִיז תָּלוּי נָאר אִין דִיר, אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה ח, יח): "זָכָה", אַז מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה, מֶען פִּירְט זִיךְ מִיט מַעֲשִׂים טוֹבִים – "עוֹזַרְתּוֹ", וֶוערְט דִי וַוייבּ בָּטֵל צוּם מַאן, "לֹא זָכָה, כְּנֶגְדּוֹ", אוּן נָאךְ מֶער זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר (תִּיקוּן יד, דַף ל:): "עֵזֶר לוֹ בְּעָלְמָא דֵין", סַיי אוֹיף דִי וֶועלְט, "וּבְעָלְמָא דְאָתֵי", אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט; וַוייל אַלֶעס אִיז נָאר תָּלוּי אִינֶעם מַאן.

(קוּנְטְרֵס בֵּין הַמְּצָרִים)

### שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



# פַארְוָואס בִּין אִיךְ אַלְץ דִי כַּפָּרָה הִינְדְל?

*שְׁאֵלָה:*

**לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ בִּין זִיךְ מְחַזֵק מִיט דִי שִׁיעוּרִים אוּן דְרָשׁוֹת, אִיךְ בִּין אָבֶּער זֵייעֶר דֶעפְּרֶעסְט אוּן אַנִידֶערְגֶעשְׁלָאגְן. מַיין טַאטֶע שְׁרֵייט זֵייעֶר אַסַאךְ אִין שְׁטוּבּ, אָן קַיין שוּם סִיבָּה, אוּן אִיךְ בִּין אֵייבִּיג דִי כַּפָּרָה וָואס דַארְף לַיידְן, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין טַעַם אִין לֶעבְּן, אִיךְ שְׁפִּיר נִישְׁט קַיין טַעַם צוּ גֵיין אִין שוּלֶע, אוּן אִיךְ קֶען זִיךְ מֶער נִישְׁט דֶערְהַאלְטְן.

אֶפְשָׁר הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א עֶפֶּעס חִיזוּק פַאר מִיר, אוּן אֶפְשָׁר אוֹיךְ אַ תְּפִלָּה אוֹיף אִידִישׁ זִיךְ צוּ קֶענֶען שְׁטַארְקְן?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ אוֹיף אַלֶעס, סְפֶּעצִיעֶל פַאר דִי אִידִישֶׁע נִיגוּנִים וָואס זֶענֶען הֶערְלִיךְ שֵׁיין אוּן זֶענֶען מִיר זֵייעֶר מְחַזֵק. אִיךְ הָאבּ יֶעצְט גֶעעֶנְדִיגְט זָאגְן גַאנְץ תְּהִלִּים צוּם דְרִיטְן מָאל אִין לֶעבְּן.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם א' פַּרְשַׁת מִקֵץ, כ"ז כִּסְלֵיו, ג' דְחַנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אֵייעֶר בְּרִיווּ.

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, אַלֶע צָרוֹת אוּן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, אַלֶעס קוּמְט פוּן נִישְׁט זַיין פְרֵיילִיךְ; וֶוען מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ פַאלְט אַלֶעס אַוֶועק. מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט: "שִׂמְחָה אִיז עוֹלָם הַחֵירוּת", דֶער מֶענְטְשׁ וָואס אִיז בְּשִׂמְחָה - דֶער לֶעבְּט אִין אַ פְרֵייעֶ וֶועלְט, עֶר שְׁפָּארְט אַיין אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען אוּן עַגְמַת נֶפֶשׁ.

אַז אִיר וֶועט אַרְבֶּעטְן אוֹיף צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, אִיר וֶועט זוּכְן דָאס גוּטְס וָואס אִיר הָאט - וֶועט אִיר שׁוֹין נִישְׁט הָאבְּן קַיין וֵוייטָאג פוּן דִי עֶלְטֶערְן, אִיר וֶועט נִישְׁט הָאבְּן קַיין פְּרָאבְּלֶעמֶען מִיט שׁוּלֶע. אַלֶע וֵוייטָאג וֶועט פַארְשְׁוִוינְדְן וֶוערְן.

דִי פְרַאגֶע אִיז נָאר: 'וִוי אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ; וִוי אַזוֹי פַארְטְרַייבְּט מֶען דִי עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה?' דֶער רֶבִּי הָאט אַסַאךְ וֶועגְן וִוי אַזוֹי מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ פַארְטְרַייבְּן דִי עַצְבוּת אוּן וֶוערְן פְרֵיילִיךְ.

דִי עֶרְשְׁטֶע עֵצָה אִיז אוֹיפְזוּכְן גוּטֶע זַאכְן אִין זִיךְ. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קצה): דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶעזוּכְט עֶפֶּעס גוּטְס אוֹיף וָואס עֶר קֶען דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעבְּרֶענְגְט אוֹיף אִים שְׁלֶעכְטְס - הָאט עֶר גֶעזוּכְט אִין דִי שְׁלֶעכְטְס עֶפֶּעס גוּטְס. אַזוֹי וִוי דָוִד הַמֶּלֶךְ דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן (תְּהִלִּים ד, ב): "בַּצָּר הִרְחַבְתָּ לִּי", רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ דַאנְק דִיר אוֹיף דֶעם וָואס אִין דִי צָרָה הָאסְטוּ מִיר בְּרֵייט גֶעמַאכְט.

דִי צְוֵוייטֶע עֵצָה אִיז תְּפִלָּה, בֶּעטְן אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן נב): "צְרִיכִים לְבַקֵּשׁ קוֹדֶם עַל מִדָּה אַחַת, וּכְשֶׁשּׁוֹבְרִים אֶת הַמִּדָּה הַזּוֹ, אָז צְרִיכִים לְהִתְפַּלֵּל עַל מִדָּה שְׁנִיָּה, וְכֵן לְבַקֵּשׁ בְּכָל פַּעַם עַל מִדָּה אַחֶרֶת עַד שֶׁיְּבַטֵּל מִמֶּנּוּ אֶת כָּל הַמִּדּוֹת וְהַתַּאֲווֹת רָעוֹת", אַ מֶענְטְשׁ זָאל קוֹדֶם נֶעמֶען אֵיין מִדָּה אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם אוּן וֶוען עֶר הָאט שׁוֹין צֶעבְּרָאכְן דִי שְׁלֶעכְטֶע מִדָּה זָאל עֶר נֶעמֶען נָאךְ אַ מִדָּה אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם, בִּיז עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ צֶעבְּרֶעכְן אַלֶע זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מִידוֹת.

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ זָאל מֶען בֶּעטְן אוֹיף: "שִׂמְחָה"; אֵיינְמָאל מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ פַאלְט שׁוֹין אַוֶועק אַלֶע מִידוֹת רָעוֹת אוּן שְׁלֶעכְטֶע תַּאֲווֹת. וֶוען מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ הָאט מֶען נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעמֶען, דֶער פְרֵיילִיכֶער מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קַיין שְׁלֶעכְטְס, עֶר הָאט נָאר גוּטְס, ווידֶערְאוּם חַס וְשָׁלוֹם וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז טְרוֹיעֶרִיג, בְּעַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה, הָאט מֶען גָארְנִישְׁט.

דָא הָאט אִיר אַ קְלֵיינֶע תְּפִלָּה; הֵייבְּט אָן מִיט דִי תְּפִלָּה אוּן לֵייגְט אַרַיין אַייעֶרֶע אֵייגֶענֶע וֶוערְטֶער, רֶעדְט אַייךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס לִיגְט אַייךְ אוֹיפְ'ן הַארְץ:

**"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, אִיךְ בִּין זֵייעֶר דֶערְבִּיטֶערְט אוּן זֵייעֶר צֶעדְרוּקְט; מַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן אִיז מִיר טוּנְקֶל, אִיךְ הָאבּ מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם אַן אַנְדֶערֶע פַּרְשָׁה, אִיךְ**

<<<<<<

<<<<<< שו"ת ברסלב

הָאבּ צוּטוּן מִיט מַיין טַאטֶע, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין שׁוּם טַעַם אִין לֶעבְּן, עֶס אִיז מִיר פִינְסְטֶער אוּן טוּנְקֶל.

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל אָנְהֵייבְּן זֶען דָאס גוּטְס וָואס אִיךְ הָאבּ; דוּ בִּיסְט דָאךְ אַזוֹי גוּט צוּ מִיר, דוּ גֶעבְּסְט מִיר לֶעבְּן, דוּ גֶעבְּסְט מִיר אַזוֹיפִיל גוּטֶע זַאכְן. אִיךְ בִּין גֶעזוּנְט, אִיךְ זֶע, אִיךְ הֶער אוּן אִיךְ שְׁמֶעק, אִיךְ קֶען רֶעדְן אוּן עֶסְן, אִיךְ גֵיי אוּן קוּם, אִיךְ קֶען זִיךְ בַּאוֶועגְן. וְויפִיל אִיךְ וְויל נָאר פְּרוּבִּירְן אוֹיסְרֶעכֶענֶען דָאס גוּטְס – וֶועל אִיךְ נִישְׁט קֶענֶען, מִיט דֶעם אַלֶעם בִּין אִיךְ אַזוֹי דֶערְשְׁלָאגְן, אִיךְ זֶע נָאר דָאס שְׁלֶעכְטְס, אִיךְ זֶע נִישְׁט דָאס גוּטְס; הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל אָנְהֵייבְּן זֶען וִוי גוּט דוּ בִּיסְט צוּ מִיר, אִיךְ זָאל נִישְׁט פַארְגֶעסְן פוּן דִיר.

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל אָנְהֵייבְּן זֶען אוּן פַארְשְׁטֵיין אַז דוּ בִּיסְט אַלֶעס אוּן דוּ טוּסְט אַלֶעס, אִיךְ זָאל שְׁפִּירְן וִוי דוּ בִּיסְט מִיט מִיר, אִיךְ זָאל וִויסְן אַז דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז נָאר אַ לְבוּשׁ פוּן דִיר; דוֹמֵם, צוֹמֵחַ, חַי, מְדַבֵּר – אַלֶעס אַלֶעס בִּיסְטוּ אַלֵיינְס. מַיין טַאטֶע, מַיין מַאמֶע, מַיין שׁוּלֶע אוּן מַיין מִשְׁפָּחָה – אַלֶעס בִּיסְטוּ, אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף מִיר קוּמְט פוּן דִיר, דוּ ווִילְסְט מִיר בְּרֶענְגֶען נֶענְטֶער צוּ דִיר.

אִיךְ בֶּעט דִיר, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל שְׁטֶענְדִיג זַיין פְרֵיילִיךְ; הֶעלְף מִיר בִּזְכוּת דַיינֶע צַדִיקִים וָואס הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען זֵייעֶר גַאנְצֶע לֶעבְּן פַאר דַיינֶעט וֶועגְן, הֶעלְף מִיר בִּזְכוּת דִי אָבוֹת הַקְּדוֹשִׁים – אַבְרָהָם, יִצְחָק אוּן יַעֲקֹב, הֶעלְף מִיר בִּזְכוּת דִי אִמָהוֹת הַקְּדוֹשׁוֹת שָׂרָה, רִבְקָה, רָחֵל אוּן לֵאָה, בִּזְכוּת דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי רַבֵּינוּ נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, בִּזְכוּת זַיין תַּלְמִיד רֶבִּי נָתָן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן בִּזְכוּת מוֹהֲרַנְ"שׂ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אָמֵן".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר
זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה מִקֵּץ תשפ"א)

# פארשריט מיט'ן עירוב אין שטעטל

מיט פרייד קומען אריין אפדעיטס פונעם וועד העירוב אין קרית ברסלב ליבערטי, אז מען האלט אינמיטן די ארבעט פון אויפבויען א מהודר'דיגן עירוב אינעם געגנט פונעם ווילידזש אוו ליבערטי. דאס וועט צוגעבן אסאך הרחבת הדעת פאר די פילע משפחות וואס האבן זיך לעצטנס אריינגעצויגן אין דעם נייעם געגנט. דער עירוב וועט אי"ה ווערן צוזאמגעשטעלט מיט'ן אלטן שטעטל עירוב, און וועט פאראייניגן אלע איינוואוינער פון אלע געגנטער אין איין גרויסע פאראייניגטע שטעטל.

ווי באקאנט האט דער ראש ישיבה שליט"א אויפגעשטעלט א הערליכע שטעטל וואס האט זיך אנגעהויבן אין די געגנט פון האשקי ראוד, וואו צענדליגער משפחות פירן א זיסע לעבן אינעם שויס פון נאטור, וואו מען האט די געלעגנהייט טאג טעגליך צו זען דעם הימל און זיך דערמאנען אז עס איז דא א באשעפער אויף דער וועלט, מען קען כאפן א שפאציר צווישן די גראז אוןביימער און רעדן אפאר ווערטער צום אייבערשטן.

דאס שטעטל האט זיך ברוך ה' שטארק פארשפרייט לאורכה ולרוחבה, אבער לעצטנס איז דאס שטעטל באדייטנד פארברייטערט געווארן ווען מען האט זיך אנגעהויבן אריינציען אין א פרישן געגנט, דאס מאל איז עס די געגנט פונעם ווילידזש אוו ליבערטי.

דער עירוב פראיעקט איז א המשך פון פילע באמיאונגען מצד די הנהלה צוצושטעלן אלע געברויכן וואס א אידישע שטאט דארף האבן ברוחניות ובגשמיות. און ווען דער עירוב וועט בעז"ה פארטיג ווערן, וועלן אלע משפחות קענען ארויסגיין, טראגן און ברענגען יעדן שבת; אויך ווען דער ראש ישיבה שליט"א וועט ווילן אויף שבת אויף שטעטל, וועט מען קענען גיין צווישן אלע געגנטער פונעם שטעטל.

דער פראעקט איז שטארק פארוויקלט מיט פילע ביוראקראטישע פרטים; מען דארף האבן פארשידענע פלענס און פערמיטס, אבער נאך פיל ארבעט האפט מען יעצט צו ענדיגן אלעס וואס די רעגירונג פאדערט.

דער עירוב וועט זיין א צוזאמשטעל פון פארשידענע חלקים: טייל וועלן האבן געהעריגע צורות הפתח, אנדערע חלקים וועלן האבן לחי'ס, און אין אסאך פלעצער וועט עס האבן פולקאמע צוימען.

די גאנצע ארבעט ווערט אנגעפירט דורך דעם חשוב'ן וועד העירוב וואס שטייט אונטער די השגחה פון הרה"ג ר' יחיאל שטיינמעץ שליט"א, א גרויסער מומחה בעניני עירובין, וועלכער שטייט אונטערן גאנצן עירוב אין שטעטל. ער איז ארומגעגאנגען איבערן שטח פונעם ווילעדזש צו פלאנירן די פונקטליכע פרטים, עס זאל זיין אויסגעהאלטן להלכה הונדערט פראצענט. די קאסטן פאר דעם פראיעקט, אריינגערעכנט די פערמיטס און די בוי-ארבעט, ווערן געשאצט אויף בערך זעכציג טויזנט דאלער.

אין זכות פון שמירת שבת און שמחת המצוות, זאל מען זוכה זיין צו אלע גוטע השפעות.

## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **משולם פייש פעלבערבוים** הי"ו קרית ברסלב
צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

***

מו"ה **שרגא שטראססער** הי"ו קרית ברסלב
צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

***

מו"ה **נחמן נתן בוים** הי"ו קרית ברסלב
צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

***

מו"ה **משה גאטליב** הי"ו קרית ברסלב
צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב

***

מו"ה **מענדל שארף** הי"ו לעיקוואד
צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב

***

מו"ה **יצחק ראטה** הי"ו בית שמש
צו די שמחת בר מצוה פון זיין זון למזל טוב
הבחור **אליעזר ראטה** נ"י

***

מו"ה **יואל לאנדא** הי"ו קרית ברסלב
צו די אפשערן פון זיין זון **שמעון** נ"י למזל טוב


## תשעה באב

**דרשות, שיעורים, מגילת איכה,**
**ספר ירמי', קמצא ובר קמצא,**
**שיעורי הלכה, און נאך**
**קול ברסלב**
**212-444-9191**
**1, 1, 9, 9**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**
רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו
**718-387-2691**
**און מיר וועלן עס שיקן צו אייך אהיים בעז"ה**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; פערזענליכע מעשיות; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון אמונה (פרויען) - שיעורים; פערזענליכע מעשיות; רעסעפיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**

< BreslevCenter.com >